## בס"ד. התוועדות ו' תשרי ה'תשמ"ג

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

אלע ענינים וואס דער אויבערשטער מאכט א מענטשען פאר א שליח, וויל ער דאך אז דאס זאל דורכגעטאן ווערן בשמחה ובטוב לבב, און ס'דאך פארשטאנדיק פארוואס דאס דארף זיין בשמחה ובטוב לבב: מ'איז דאך מקיים א שליחות פון דעם אויבערשטן מלך מלכי המלכים הקב"ה, נאכמערער וואס ער זאגט "כבדו את המצות שהם שלוחיי", און נאכמערער ער זאגט אז "הקב"ה עוזרו" וויבאלד אז מ'גייט מקיים-זיין זיין שליחות,

אין דערויף איז אבער דא, און ס'קען זיין  מפני סיבות שונות ומשונות, צוזאמען מיט דער שמחה וטוב לבב, זאל דאס אויך זיין פארבונדן מיט טרחות רבות, אדער עכ"פ מיט א ביסל טרחות, ביז אויך למטה מזה — אז די טרחות ווערן אויף אזויפיל אז דאס איז אים מבלבל פון די שמחה וטוב לבב,

דערנאך איז דא אן אופן, און בשעת מ'איז "רצון יראיו יעשה"1 — אז מ'איז יראי ה' באמת איז אט דעמאלט איז דער אויבערשטער ממלא אויך אט דעם רצון, אז ס'זאל זיין אין אן אופן אן טרחות, אן בלבולים ומתוך שמחה וטוב לבב אמיתיים.

וואס בכללות איז דאך "אדם לעמל יולד", איז אין עמל גופא קען אויך זיין אן אופן פון א עמל וואס דאס איז א טרחא, און אן אופן פון אן עמל — איז [אז] דאס איז אן עונג.

וכמדובר כמה פעמים א משל וואס דאס איז פארשטאנדיק אפילו צו א פשוט שבפשוטים, אז מ'וועט זאגן איינעם אז מ'גיט אים א ליטרא של אבנים טובות ומרגליות, אויב ער איז מסכים אויף האבן א טרחא יתירה וועט מען אים געבן כפליים: צוויי פונט פון אבנים טובות ומרגליות, וואס דעמאלט דארף ער האבן א טרחא כפולה,

וועט ער דאס זיכער — אויב ער איז א נארמאלער מענטש — וועט ער דאס ניט באטראכטען פאר א טרחא יתירה, אדרבא: ער וועט עס בעטן אז מ'זאל אים געבן דריי פונט און נאכמערער און נאכמערער.

אף על פי וואס הכל מודים, און ער לכל לראש, אז דערביי וועט ער דארפען האבן צווי מאל אזויפיל טירחא, דריי מאל אזויפיל טרחא און נאכמערער, איז במה נחשב הוא בשעת דורך דערויף קומט אים צו נאך א כמות און אן איכות פון די אבנים טובות ומרגליות.

וואס על דרך זה ובמכ"ש וק"ו איז דאס בענינים פון תורה ומצוותיה, וואס "אין מלוין לו לאדם לא אבנים טובות ומרגליות" נאר תורה ומצוות.

דערנאך איז דא כאמור, ווי מ'האט דערמאנט פריער, אז ס'דא זמנים מיוחדים בשנה, אדער בשנים, וואס דעמאלט שטייט אן ענין מיוחד אין אן אופן מודגש ביותר,

— בדוגמא ווי יציאת מצרים בפסח, מתן תורה בשבועות, און שמחה של תורה ומצוותיה אין זמן שמחתנו —

---

1) תהלים קמה, ?



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# ראש השנה

אזוי איז דא בהנוגע צו דעם אופן פון מקיים זיין די שליחות פון דעם אויבערשטן, דורך מקיים זיין די מצוות פון דעם אויבערשטן, יעדערער לפי מעמדו ומצבו: ״כהנים בעבודתם ולויים בדוכנם וישראל במעמדם״ – וואס דאס איז דאך כולל אלע זייערע ענינים, ועד״ז ״לשבת יצרה״ דורך דער מין המדבר,

איז אויך דא אין כמה אופנים האמורים, איז דא אמאל א יאר וואס דעמאלט שטייט דאס בהדגשה, דעם אופן אז דאס איז א שנה מסוגלת, און פון איר נעמט מען מיט כח אין דעם על כל השנים שלאחרי זה,

אז בשעת ס׳איז ״יו״ט של ר״ה שחל להיות בשבת״, וואס בשבת איז דאך ״כל מלאכתך עשויה״, און דער גאנצע ענין פון שבת איז ״וקראת לשבת עונג״ – דער פירוש הפשוט, אז דער נאמען פון שבת איז דאס – ענינה איז עונג! ס׳דא אכילה ושתיה, און ס׳דא כמה ענינים המותרים בשבת, אבער זיי אלע ווערן אנגערופן בשם עונג, ווי דערמאנט פריער, אז מ׳וועט אים זאגן אז מ׳וועט אים געבן א משא נוסף פון אבנים טובות ומרגליות כפשוטם, עאכו״כ אבנים טובות ומרגליות רוחניים – ווערט דאס אויס עמל וטירחא, דאס ווערט א ענין של עונג אמיתי.

איז בשעת ס׳איז יו״ט של ר״ה שחל להיות בשבת, וואס ער ווערט דאך אנגערופן בשם ״ראש השנה״, ניט ״תחילת השנה״, ווארום דאס איז כולל אין זיך – ווי דער אלטער רבי אין לקו״ת, און דער מיטעלער רבי אין עטרת ראש, און דער צ״צ אין די הערות והגהות צו לקו״ת איז מבאר ומסביר - אז דאס ווערט אנגערופן בשם ראש ווארום דאס איז כולל אין זיך די כל ימות השנה, די חיות של כל ימות השנה, פונקט ווי דער ראש איז כולל אין זיך די חיות פון כל איברי הגוף. דערנאך, אפילו ווען דער איברים זיינען שוין במקומם, ווערן זיי אויך אנגעפירט – אויב ס׳איז א געזונטער גוף און געזונטע איברים ווי ס׳דארף צו זיין – ווערן זיי אויך אנגעפירט פון דער החלטות שבראש,

אט אזוי איז אויך, ווי ס׳שטעלט זיך אוועק מרשית השנה, אז ס׳איז אין אן אופן פון ענג, ו״כל מלאכתך עשויה״ – ווארום אט דאס וואס ער דארף טאן איז דאס טאקע לכאורה א טירחא, דאס איז אבער א ענין של עונג אמיתי, ווערט דאס דערנאך נמשך, ווי דאס שטייט ״מראשית השנה עד אחרית שנה״ וכל הימים שבינתיים.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז א קביעות וואס גיט א כח מיוחד, און א רשות מיוחדת און אן עזר מיוחד אויף טאן אין די אלע ענינים אין אן אופן פון עונג.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.